**גוט שבת אלע אידן.** לעצטע וואך האבן מיר געליינט דעם מוראדיגען מעשה ווי א איד ר' יעקב האט געהאלפן א נישט געזונטער בחור קומען קיין ארץ ישראל פאר זיין תפילין לייגן ביים כותל, ווען די דאקטוירים האבן געזאגט אז יענער בחור האט נאר געהאט געציילטע וואכן צו לעבן. און נאכדעם האט ר' יעקב, דורך א מוראדיגע השגחה פרטית, געהאלפן ערלעדיגען אז דער בר מצוה בחור מיט זיין טאטען זאלן קענען אריינגיין צום צדיק רב כדורי זצ"ל, און ווי אזוי רב כדורי האט געבענטשט דעם בחור, געשריבן א קמיע און געהייסן מאכן די אפעראציע, אפילו דער דאקטור האט נישט געהאלטן דערפון. און נאכדעם איז דער בחור פאלקום געזונט געווארן ב"ה.

יעקב האט אזוי פיל חסדים געטון פאר דעם בר מצוה בחור מיט זיין משפחה. יעקב אליינס האט שטארק געדארפט א ישועה. וואס איז דעמאלס געווארן מיט אונזער טייערן יעקב? איז יעצט לאמיר ענדיגן דעם מוראדיגען מעשה וואס האט א פלאדיגע המשך.

דער טאג נאכדעם וואס דער בר מצוה בחור משה און זיין טאטען זענען אריינגעגאנגען צו רב כדורי, האט יעקב געזוכט דעם ידיד אויפן באס, דער וואס איז געווען רב כדורי'ס נעפיו און דער וואס האט ערלעדיגט דעם אריינגיין צו רב כדורי. אבער, הפלא ופלא! ר' יעקב האט נישט געטראפן רב כדורי'ס נעפיו צו באדאנקען. יענער האט אויפגעהערט צו פארן יעדען טאג אויף דעם זעלבען באס ווי יעקב, און יענער איז פשוט נעלם געווארן.

איין טאג דערנאך איז יעקב אהיימגעקומען פון ישיבה זייער אויסגעמוטשעט. ווען ער האט זיך איינגעשלאפן יענע נאכט האט ער געחלומט א מוראדיגען חלום. דער חלום איז געגאנגען אזוי: ער האט געהאלטן אין מיט'ן צוגרייטן א גרויסע שבע ברכות אין זיין דירה. ער איז ארויסגעגאנגען פאר א רגע צו ערלעדיגען אפעס ווען ער האט געהערט דעם קול פון עלטערער חשובער איד וואס האט אים גערופן: "סליחה יהודי יקר... אני עייף מאוד, יש לך מקום בשבילי לנוח קצת?" (אנטשולדיגט מיר ר' איד, אבער איך בין זייער מיד, איר האט אפשר א פלאץ וואו איך קען זיך אפרוהן אביסל?"

"כבוד הרב..." האט יעקב געענטפערט דעם חשוב'ן איד וואס האט אויסגעקוקט ווי א רב, "איך בין יעצט פארנומען מאכן א שבע ברכות אויבן און מיין דירה און עס וועט נישט זיין דארט אזוי שטיל, אבער אויב איר ווילט קענט איר זיכער ארויפקומען."

דער רב וואס איז געווען זייער שוואך האט מסכים געווען דערצו און ער איז ארויפגעגאנגען צום דירה. נאכדעם האט דער רב געבעטן: "איך קען פון אייך אפשר בעטן א טשיי?"

"א טשיי?" האט יעקב געפרעגט אין חלום, "וואס איז א 'טשיי?'" נאכדעם האט יעקב געכאפט אין חלום אז דער רב וויל טרינקען א טיי און ער האט עס אנגעגרייט און געגעבן צום רב.

דאן האט דער רב געזאגט צו יעקב "זיין בת-זוג (שידוך) וועט זיין מיט אן אלמנה. אבער, עס איז נאך נישט געשען." (ד"ה דער מאן פון יענע פורי איז נאכנישט אוועק.) יעקב איז געווארן נערוועיז און ער האט אנגעהויבן צו פארלאזן דעם שטוב וואו דער רב איז געזיצען.

"פארוואס לויפסטו אוועק?" האט דער רב געזאגט צו יעקב, "עס איז נגזר געווארן אין הימעל אז דער מאן פון יענער פרוי מוז פארלאזן די וועלט. און זי (די אלמנה) גייט נישט קענען חתונה האבן ביז צוויי און א האלב יאר ארום." האט דער רב מסביר געווען צו יעקב.

"אויב אזוי," האט יעקב געזאגט צו דעם אלטען רב, "דארף איך אפשר אפילו נישט הערן וועגן אנדערע שידוכים ביז דעמאלס?"

"ניין, ניין..." האט דער רב געזאגט "דו מוזט יא טון השתדלות. אבער איך גיי דיר געבן א סימן. דו גייסט וויסן אז עס איז דיין ריכטיגען זיווג אויב מען וועט רעדן דעם שידוך זונטאג פרשת בראשית."

יעקב האט באדאנקט דעם רב און ער האט אים געפרעגט ווער ער איז. "זיי רופן מיך 'כדורי'!" נאכדעם האט יעקב זיך אויפגעוועקט.

עטליכע וואכן שפעטער איז א חבר פון יעקב געגאנגען צו רב כדורי, יעקב אליינס איז געווען פארקולט און אין בעט און ער האט נישט געקענט מיטקומען. יעקב'ס חבר האט דערציילט אז ווען ער האט געבעטן א ברכה פאר יעקב פונעם צדיק, האט דער צדיק געזאגט א מאדענע זאך, ער האט געזאגט אז ער האט דיך שוין געבענטשט! "וואס מיינט עס?" האט יעקב'ס חבר געפרעגט. יעקב האט זיך געציטערט.

אין די קומענדיגע צווי און האלב יאר, האט יעקב געטון השתדלות פאר א שידוך אזוי ווי דער רב האט געהייסן, אבער גאר נישט איז געלונגען. ביז זונטאג פרשת בראשית ווען מען האט גערעדט א שידוך צו יעקב, אן אלמנה א בת תלמיד חכם וואס איר מאן איז נפטר געווארן בערך צוויי און א האלב יאר פריער! באלד דערנאך האבן זיי ב"ה חתונה געהאט.

אפאר יאר שפעטער ווען יעקב איז געגאנגען מנחם אבל זיין איינעם, האט ער געטראפן דעם נעפיו פון רב כדורי וואס האט ערלעדיגט דער פגישה מיט רב כדורי און דעם בר מצוה בחור יארן פריער. יענער האט מסביר געווען פארוואס ער איז נעלם געווארן: "איר מוזט מיך מוחל זיין, אז איך האב דיר וויי געטון דעמאלט ווען איך האב זיך באהאלטן פון דיר. מיין פעטער האט מיר געזאגט אז עס איז געווען באשערט אז מיר זאלן פארן צוזאמען אויפן זעלבען באס, כדי איך זאל האבן א חלק אין ראטעווען דעם בר מצוה בחור משה. אבער ווען מיין שליחות האט זיך געענדיגט און משה האט ב"ה טאקע געהאט א רפואה שלימה, האט מיין פעטער מיך געזאגט אז איך זאל שוין נישט האבן שייכות מיט דיר... וועגן דעם בין איך "נעלם" געווארן! אבער מיין פעטער האט געזאגט אז טאמער מיר גיין זיך טרעפן 'סתם אזוי' דעמאלט קענען מיר זיין ידידים נאכאמאל!"

איינע פון די ברכות וואס דער אייבערשטער זאגט אונז צו די וואך, אויב אידן וועלן היטן די תורה איז: "...והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם." די לשון ווייזט אויף א מין "שידוך" צווישן אונז און דעם רבונו של עולם, ד"ה "והייתי לכם... ואתם תהיו לי..." אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אני לדודי ודודי לי וגו'" (שיר השירים ו,ג) טאמער אידן היטן די מצוות, וועט דער אייבערשטער זיין אונזער ג-ט, און גיין די אידן זיין דער אייבערשטער'ס פאלק. מען זעט אז די ברכה איז מקוים געווארן דורך די פונקטליכע השגחה פרטית מיט וואס דער אייבערשטער פירט דעם אידישען פאלק. **גוט שבת אלע אידן.**